(אַ פּאָר פראַגמענטן).

## פון דער פּאָעמע „אַ ייִד אַן עקשן״

## מאָטאָ:

„אַ ייִד איז אַ לופט-מענטש״.

(די מיינונג פון מאַנכע גויים און

פון אַלע ייִדן).

און אַ ייִד אַן עקשן זאָגט אַמאָל אַזוי:
ניין! איך בין נישט דער ווינט, איך בין דער וואַלד.
דערפאַר איז אומהיימלעכקייט אין מיין געצעלט,
און חושך באַפאַלט דאָס האַרץ פון די שטאַמען,
און גייט אַ שטורעם, גייט ער צו מיר,
ווייל איך בין דער וואַלד.

די ערד קלאַמערט זיך אין מיר,
דורך מיינע אָדערן ציט זי זיך אַרויף און וואַקסט.
זאַמד און הימל פלעכטן זיך צונויף
איבער מיין אַלטן צעפּאַטלטן קשאַקיקן קאָפּ.
טרעפט אַמאָל: איך וויין און וויין אַריין אין זאַמד,
שטיי איך ביז די קני אין בלאָטיקן שלוים,
און ווער עס באַזוכט מיך, פאַרשילט זיין געביין,
און שילט מיך, וואָס כ׳האָב נישט קיין וואַרעמע היים,
נאָר נאַסקייט און שימל און פוילִיקן מאָך,
און דאָך — — —

* * * * * * * *

איך בין דער וואַלד און האָב ליב מיינע צווייגן.
נאָר זיי, מיינע קינדער, זענען כמורנע און שווייגן —
אַזוי קאַלט, אַזוי טיף, אַזוי שווער,
צווייגן צווייפלען און קווענקלען זיך הין און הער
און בויגן פאַרציטערט זיך איין פאַר דעם ווינט,

וואָס קילט און כאָכאָטשעט און רייסט זיי די לאָקן,
כאָטש דער ווינט איז דערשראָקן, איז אַליין דערשראָקן...
ציען מיינע צווייגן די אָרעמס צום לויפן,
שטרעקן זיך, צאַפּלען און שמאַכטן נאָך ווייטקייט
און זענען פאָר בענקשאַפט אַזש טונקל און דאַר.
זיי רוען נישט איין און שוידערן, זוכן
און וואַנדערן, וואַנדערן, וואַנדערן שטענדיק,
כאָטש זיי שטייען געשמידטע מיט וואָרצלען צום אָרט...
מיינע וואַקסנדע קינדער זענען געראָטן אין מיר:
אַלץ, וואָס איז אייביק, פאַרשליסט נישט די טיר:
איך, ווי די ערד, מיר זענען תּמיד אין גאַנג,
און גייענדיק הער איך: מיט מיר גייט געזאַנג
פון פויגל, וואָס וואוינען נישט ערגעץ און ווא וינען באַקאָפּנס ביי מיר,
און מיט זייערע נעסטן ווערן רייך מיינע קרוינען.

---

דער מאָמענט (וואַרשע)

25, נומ׳251, נאָוועמבער 2, 1934,ז׳5